# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | גליון קע"ג – פסח תשע"א לפ"ק | כיתה ח' ט'


## גליון מיוחד לקראת יומא דהילולא של רביה"ק בעל ברך משה זצוקללה"ה - כ"ו ניסן תשע"א לפ"ק

### תתתתמא) עס דערציילט אונזער זיידע
## כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

עס דערציילט הרה"ח ר' בערל בר"צ יאקאבאוויטש הי"ו פון וויליאמסבורג , אז ער איז געווען ביים טאטן מרן הברך משה זי"ע אין שטוב בליל בדיקת חמץ אין די גאנץ ערשטע יארן וואס ער איז געווען אין אמעריקע, און ווען דער טאטע האט געוואלט גיין בודק חמץ זיין, האט ער געזעהן אז ער האט נישט קיין האלצערנעם לעפל מיט וואס מ'האט זיך געפירט צו האבן בשעת בדיקת חמץ.

דער טאטע ז"ל האט געזאגט אז "דער טאטע האט געהאט יעדעס יאר א האלצערנעם לעפל, און מ'טאר נישט משנה זיין פון מנהג אבות".

כאטש אין יענע צייט איז נישט געווען קיין 'סעטס' און מ'האט דאס נישט געקענט לייכט פארשאפן, און די ארומיגע האבן גע'טענה'עט אז מ'נוצט דאך סייווי נישט דעם לעפל צו בדיקת חמץ, האט דער טאטע ז"ל געווארט אפאר שעה ביז ווען ער האט פארשאפט א האלצערנעם לעפל און געקענט צוגיין צו בדיקת חמץ.

דאס איז געווען א שטארקער מוסר השכל פאר אלע ארומיגע וואס האבן געזעהן אז מ'טאר נישט נאכלאזן אויף א מנהג און מסורת אבות אפילו ווען מ'פארשטייט נישט פונקטליך דעם טעם און ענין דערפון. ( חנני' יו"ט ליפא אשכנזי, מאיר אליעזר מייזליש)

### תתתתמב) עס איז געווען מיט אונזער עלטער זיידן
## כ"ק הגה"צ רבי ברוך מיללער שליט"א
### ראש הכוללים בקרית יואל

עס איז ידוע דעם רבי'נס געוואלדיגע מידות עניוות ווי ער האט זיך באמת געהאלטן פאר גארנישט.

איינמאל מוצאי שבועות אין קרית יואל ווען אלפי ישראל האבן אהיימבאגלייט דעם רבי'ן בשירה וזמרה בתופים ובמחולות, האט דער רבי באמערקט פון די קאר ווי אין די זייט שטייט מיין עלטער זיידע שליט"א.

דער רבי האט געהייסן אפשטעלן די קאר און אריינרופן דעם ראש הכולל, און ער האט זיך אנגערופן "יעצט איז שוין דא וועמען צו באגלייטן". (יואל ווערצבערגער, שלמה ווערצבערגער, נפתלי הערש לאנדא, שלום לאנדא)

### תתתתמג) עס דערציילט אונזער באבע תחי' אשת
## הרה"ג ר' ישכר בעריש קאהן שליט"א ראה"כ סאטמאר אנטווערפן

מיין באבע שתחי' איז שוין פאר לאנגע יארן די מנהלת פון די בית רחל אין אנטווערפן.

עס איז געווען נאך די פטירה פון **רביה"ק בעל דברי יואל זיע"א** בשנת תש"מ לפ"ק, איז אריבער געגאנגען אויף די בית רחל זייער שווערע צייטן אין פארשידענע הינזיכטן, און עס האט אויסגעזעהן ווי עס קען נישט ווייטער האבן קיין קיום.

יענעם זומער תש"מ לפ"ק איז דער **רבי מרן הברך משה** זי"ע געווען אויף א שב"ק אין וויען (אין יענע תקופה איז נאך געווען פאר די אפעציעלע 'הכתרה', מ'האט אים דאן בא'טיטול'ט אלס "אדמו"ר מסיגעט-סאטמאר", און צווישן דעם ציבור האט מען אים גערופן "דער רב"). מיין באבע איז דאן אריבער געפארן קיין וויען, און זי איז אריין צום רבי'ן און דערציילט די שוועריגקייטן וואס מ'גייט אריבער, און עס זעהט נישט אויס אז מ'זאל קענען ווייטער אזוי עקזיסטירן.

דער רבי בענוות קדשו האט זיך אנגערופן "יא, עס קומט אן שווער, מיר קומט אויך אן שווער, מ'טראגט מיך אן איבערצונעמען דעם פעטער'ס קהילה און די מוסדות, איך ווייס ווי שווער דאס איז, און איך זע נישט ווי אזוי איך זאל דאס קענען באווייזן, אבער מ'דארף וויסן איין זאך אז דער פעטערס ארבעט דארף האבן א קיום, נאר וועגן דעם בין איך גרייט צו ארבעטן שווער העכער מיינע כוחות, איר דארפט אויך אזוי טון און זיך אנשטרענגען לטובת דעם פעטערס מוסדות".

די ווערטער ווי אזוי דער רבי האט גענומען די גאנצע רבי'סטעווע און דאס געמאכט פון א 'שררה' פאר א 'עבדות' און דער בליק וואס ער האט געהאט נעמענדיג אויף זיך די עבודת הקודש נאר לטובת דעם קיום פון די עבודה פון רביה"ק זי"ע דאס האט איר געגעבן א שטארקע חיזוק, און זי האט ווייטער געארבעט מיט מסירות נפש פארן בית רחל ביז היינטיגן טאג לאיוש"ט. (יעקב קאהן)

### תתתתמד) עס דערציילט מיין זיידע
## הרה"ח ר' משה מאיר גאטליעב הי"ו

ווען דער רבי מרן הברך משה זי"ע איז געווען ביי איינע פון די געלעגענהייטן אין מאנטריאל, איז ער צווישן דעם דאווענען און דער עריכת השולחן אריבער געקומען אין שטוב פון מיין זיין הרה"ח ר' אהרן שעהנפעלד ע"ה, וועלכער האט געוואוינט נעבן בית המדרש.

דער רבי איז געזעסן און געלערנט פארן טיש כדרכו בקודש מימים ימימה, ווען ער הערט ווי מיין זיידע זאגט פאר עמיצן אז ער זאל אריבערגיין אין ביהמ"ד געבן א קוק צי עס איז שוין דא א ציבור אידן אויב דער רבי קען שוין אריינקומען צום טיש.

ווי דער רבי האט געהערט די ווערטער האט ער זיך אנגערופן "מ'זאל נישט שיקן קיינעם קוקן אין ביהמ"ד, ווען עס איז צייט צו גיין וועל איך גיין, איך האב גארנישט מיטן עולם". (יואל מרדכי גאטליעב)

### תתתתמה) עס האט דערציילט אונזער זיידע
## הרה"צ רבי יוסף חיים הכהן גלאנץ זצ"ל מבארדיוב

עס איז געווען מיט יארן צוריק ווען ער האט געהאט צוטון מיטן הארץ ל"ע, און ער האט כסדר געדארפט אריינפארן אין שפיטאל און צוקומען צו דאקטורים און מעדיצינישע באהאנדלונגען, ביז ווען דער דאקטער האט געזאגט אז עס איז נישט קיין תכלית זיך צו מוטשענען אזוי, און מ'מוז מאכן א 'אפען הארץ אפעראציע'.

אבער ער האט זייער מורא געהאט פון אזא מסוכנ'דיגע אפעראציע, איז ער געגאנגען צום רבי'ן מרן הברך משה זי"ע, און געפרעגט צי ער זאל מאכן די אפעראציע. דער רבי האט באפוילן אז יא, אוודאי זאל ער מאכן די אפעראציע.

האט דער זיידע געפרעגט צו וועלכן דאקטער ער זאל גיין, האט דער רבי געזאגט "מיין מחותן רבי יעקב יוסף האלבערשטאם'ס (הגה"צ אב"ד בית חיים יושע ב.פ. שליט"א) מאמע האט יעצט געהאט אזא אפעראציע, מ'זאל גיין צו דעם דאקטער.

מ'האט זיך פארבינדן מיט יענעם דאקטער און מען האט געמאכט אן אפוינטמענט. אבער ווען מיר האבן זיך פאראינטערעסירט אויף דעם דאקטער האט מען נישט געהערט קיין גוטע גריסן אויף אים, און מענטשן האבן אפגערעדט פון צו גיין צו אים. בפרט ווען מיר זענען געקומען צו אים פאר א ערשטע אונטערזיכונג האט ער געמאכט זייער א שלעכטן איינדרוק, א

צופלויגענער מענטש, מיט א פלעשל ביר אין די האנט, ער האט געמאכט אן איינדרוק ווי א שיכור... מיר האבן זיך שוין אנגעהויבן צו פאראינטערעסירן אויף א צווייטן דאקטער, און יעדער איז געווען זיכער אז צו דעם דאקטער גייט מען נישט צוריק. אבער דער זיידע האט געזאגט "ניין, מ'גייט נאר צו דעם דאקטער וואס דער רבי האט געהייסן".

אין יענע טעג איז געווען א עלטערער היימישער איד וואס האט געהאט דעם זעלבן פראבלעם ווי דער זיידע, און יענעם האט מען באהאנדלט ביי א בארימטן גרויסן דאקטער. זייער משפחה האט אנגערופן דעם זיידן און מייעץ געווען אז ער זאל אויך קומען צו דעם דאקטער. אבער דער זיידע מיט זיין גרויסן אמונת צדיקים האט נישט געוואלט הערן פון גארנישט, נאר גיין צו דעם דאקטער וואס דער רבי האט געזאגט.

למעשה האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער זיידע איז אריבער די אפעראציע מיט גרויס הצלחה, און ער האט ווייטער געלעבט נאך 22 געזונטע יארן, און דער אנדערע איד וואס האט זיך באהאנדלט ביים גרויסן דאקטער איז נעבעך נישט אויפגעשטאנען פון די אפעראציע. דאס איז געווען א מוסר השכל אז נישט דער דאקטער היילט נאר דער כח פון אמונת צדיקים. (יעקב בהגרי"ד הכהן גלאנץ, אברהם שמעון הכהן גלאנץ, יעקב ברא"י הכהן גלאנץ)

## תתתתמו) עס דערציילט מיין זיידע
## הרה"ח ר' חיים צבי ווייס הי"ו

ער איז געווען געווען זייער נאנט צום רבי'ן מרן הברך משה זי"ע ווען ער איז געווען סיגוטער רב אין וויליאמסבורג, און ער פלעגט קומען צום טיש אין יענע יארן ווען דער רבי האט געפראוועט בזעיר אנפין און עס פלעגט זיין א קליינער ציבור ביים טיש.

איינמאל זיצנדיג ביים רבי'נס טיש און ער האט געגעסן פיש האט ער זיך פלוצלונג אנגעהויבן צו שטיקן אויף א ביין ר"ל, און מ'האט דאס נישט געקענט ארויסנעמען. ווי נאר דער רבי האט דאס באמערקט האט ער גענומען א שטיקל פון זיין חלה און אים דאס געגעבן. ער האט דאס אריינגענומען אין מויל און צו אלעמענס וואונדער איז די ביין באלד ארויסגעקומען. (שמעון יואל ליכטמאן)

## תתתתמז) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע
## הרה"ח ר' משה ארי' פריינד הי"ו

איך האב דאס ערשטע מאל געזעהן דעם רבי'ן מרן הברך משה זי"ע ווען איך בין געווען אינדערהיים אין סאטמאר ביי רביה"ק הדברי יואל זי"ע. דער רבי האט שוין אלס בחור געהאט א הדרת פנים זייענדיג א הויכער בחור מיט לאנגע פיאות און ווייסע זאקן, עס איז געווען כולו אומר כבוד.

ווען איך בין געקומען קיין אמעריקע נאך די מלחמה, איז געווען עטליכע יאר ביז מיין חתונה וואס איך פלעגט גיין יעדן פארטאגס צום שיעור פונעם רבי'ן מרן הברך משה זי"ע אלס סיגעטער רב, וואס ער האט פארגעלערנט גמרא תוספות ביז 7:30 און דעמאלטס האט מען זיך געשטעלט דאווענען.

דאס ביהמ"ד איז געווען דארט ווי עס איז היינט אויף 152 היוז סט. אבער דעמאלטס איז דאס געווען אינעם בעיסמענט דארט וואו עס איז היינט די מקוה.

איך געדענק די שלום זכר און וואכנאכט פון כ"ק מרן רבינו שליט"א וואס איז געווען אין סיגוטער ביהמ"ד.

נאך מיין חתונה בשנת תשי"א בין איך געווארן א מעמבער אין סאטמאר, און איך האב שוין געדאווענט אין סאטמאר, אבער איך פלעג קומען יעדן זונטאג פארמיטאג צום שיעור וואס דער רבי פלעגט פארלערנען פאר אינגעלייט אין שו"ע יו"ד. אזוי אויך אלע יארן פלעג איך קומען שבת הגדול און שבת שובה הערן דעם רבי'נס דרשה, וואס דאס איז געווען פון די צענטראלע דרשות וואס אידן פון איבער די גאנצע שטאט פלעגן קומען הערן. אויך פלעג איך אלע יארן פארקויפן דעם חמץ ביים רבי'ן זצ"ל. (שפעטער האב איך פארקויפט דעם חמץ ביי בנו כ"ק רבינו שליט"א, און אויך ביי נכדו הגה"צ אב"ד דקהלתינו בוויליאמסבורג שליט"א, ביז ווען ער האט זיך געצויגן קיין אנטווערפן).

עס האט מיר דערציילט ר' ליפא פריעדמאן ע"ה פון בארא פארק, אז ער איז געווען מיטן רבי'ן אין לאגער און ער איז דארט זייער קראנק געווארן, ביז ער איז צוזאמענגעפאלן ל"ע, און געוויינליך פלעגן די רשעים אזא מענטש באלד שיקן קיין אוישוויץ.

ווען דער רבי האט געזען אז ער פעלט איז ער אים געקומען זוכן, און געהייסן אויפשטיין כדי די רשעים זאלן אים נישט שיקן קיין אוישוויץ, אבער ער האט זיך נישט געקענט אויפשטעלן האט ער געזאגט פארן רבי'ן "איר זענט דאך דעם הייליגן עצי חיים'ס א קינד. איך האב נישט קיין פאפיר און פעדער, אז איך זאל שרייבן א קוויטל. זאל דער רבי מתפלל זיין אז איך זאל האבן כח אויפצושטיין און איך זאל קענען ארויסגיין, און נישט ח"ו דא בלייבן ליגן אויף דער ערד, ווייל דעמאלט בין איך ח"ו פארטיג".

דערציילט ר' ליפא "דער רבי האט מיר אנגעקוקט מיט זיינע טרויעריגע אויגן, און איך האב באמערקט אין זיינע אויגן א פייערדיגן פונק אויף א רגע. דער רבי האט אויפגעהויבן די האנט און צוגעדעקט מיט איר די אויגן, פון וועלכע עס זענען גערינען טרערן". פלוצלונג האט זיך דער רבי אנגערופן "עס איז גארנישט, דו וועסט געזונט ווערן, און וועסט נאך זיצן ביי מיין טיש געזונטערהייט".

אין יענע מינוט האט ער זיך געשפירט בעסער, און ער האט זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס און איבערגעלעבט די מלחמה. (ליפא בראך, שלמה ווייס)

(א"ה, בנוגע די מעשה איז כדאי צוצוגעבן אז ווען דער רבי זי"ע איז געזעסן ל"ע שבעה נאך זיין שוועסטער הרבנית הצדיקת חנה אייזיקסאהן ע"ה, אלול תשנ"ב, איז ר' ליפא ז"ל געקומען מנחם אבל זיין דעם רבי'ן, און ער האט איבערגעפרישט פארשידענע זכרונות פון לאגער וואס ער האט מיטגעמאכט זייענדיג מיטן רבי'ן אינאיינעם בעמק הבכא. בתוך הדברים האט ער אנגעהויבן צו דערציילן די מעשה, און ער האט אראפגעלייגט גענוי ווי אזוי ער איז געהאלפן געווארן א דאנק דעם רבי'ן און נאר א דאנק דעם רבי'נס כח האט ער איבערגעלעבט די מלחמה.

בשעת ווען ר' ליפא האט דערציילט די מעשה האט מען געזעהן ווי דער רבי איז געווארן זייער אנגעצויגן, און ער האט נישט געקענט פארטראגן צו הערן ווי מ'רעדט ברבים פון אזא ענין. ווען ר' ליפא האט געענדיגט דערציילן די מעשה האט ער אנגעהויבן צו דערציילן א צווייטע מעשה וואס ער האט געהאט מיטן רבי'ן א קורצע צייט בעפאר ווען ער איז געווען אין שפיטאל ל"ע און דער רבי איז אים געקומען מבקר חולה זיין. דא האט זיך שוין דער רבי נישט געקענט איינהאלטן, און ער האט אים שטיל געמאכט אויף א שארפן אופן "דו קענסט זיין שטיל?!".

## תתתתמח) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' משה פאלקאוויטש הי"ו

אמאל ביים יארצייט פונעם הייליגן קדושת יו"ט זי"ע, האט זיך דער רבי געגרייט צו גיין צו די יארצייט סעודה אין ביהמ"ד הגדול, פלוצלונג האט זיך דער רבי אנגערופן "וואס האבן מיר מיטן זיידן אז מיר פראווען זיין יארצייט סעודה? וואס איז אונזער יחוס, און מיט וואס פירן מיר א יארצייט טיש?!"

נאכדעם האט זיך דער רבי אנגערופן "עס איז דא א איד וואס מוטשעט זיך זייער ארום מיט א דירה, לאמיר אים גיין ארויס העלפן".

דער רבי האט געגעבן פאר מיין זיידן א רשימה מיט די נעמען פון עטליכע עשירים און אים געבעטן אז ער זאל זיי אנרופן אויפן טעלעפאן. און דער רבי איבערגענומען דעם טעלעפאן און אליינס געבעטן די אידן אז זיי זאלן געבן שיינע סכומים געלט אז דער איד זאל קענען האבן א דירה.

נאכדעם וואס ער האט צוזאמען געשטעלט א שיינעם סכום געלט האט ער זיך אנגערופן "יעצט קענען מיר גיין צום טיש"... (ישראל מאיר פאלקאוויטש, שלמה מנשה בר"י פאלקאוויטש, יעקב פאלקאוויטש, שלמה מנשה ברח"ז פאלקאוויטש)

## תתתתמט) עס דערציילט מיין טאטע
## הרה"ח ר' ישראל ווייס הי"ו

עס איז געווען מיט יארן צוריק נאך די פטירה פון מיין טאטן ז"ל ווען עס זענען געווען ביי אונז אין די משפחה אכט ערוואקסענע קינדער וואס זענען שוין געווען באים בשנים, און עס איז שווער געגאנגען מיט שידוכים. וואס ווי פארשטענדליך איז דאס געווען א שטארקע וועיטאג בפרט פאר די באבע ע"ה וואס איז געווען אן אלמנה און זי האט ארויסגעקוקט אויף שמחות אין די משפחה.

עס איז געווען אינמיטן זומער ראש חודש מנחם אב ווען איך בין ארויסגעפארן צום רבי'ן מרן הברך משה זי"ע קיין שעראן ספרינגס, און איך האב זיך געלאזט אנשרייבן א קוויטל מיט די נעמען פון די אכט ערוואקסענע קינדער שהגיעו לפרקן.

ווען איך האב געגעבן דאס קוויטל פארן רבי'ן האט ער באלד באמערקט אז דאס איז נישט איין משפחה, זעהנדיג נעמען פון עטליכע משפחות, האט ער געפרעגט "וואס גייט דא פאר?", האב איך געזאגט פארן רבי'ן אז דאס זענען נעמען פון עטליכע פון אונזער משפחה וואס דארפן א ישועה, און מיר זענען זייער צובראכן דערפון, און מיר ווילן בעטן פונעם רבי'ן א ישועה.

דעם רבי'ן האט דאס זייער באריכט, בפרט ווען מיין טאטע ז"ל איז געווען פון די נאנטע חסידים פונעם רבי'ן, און ער האט מיך זייער ווארעם

אנגעוואונטשן מברכת קדשו, אז דער אייבערשטער וועט העלפן מיט א ישועה בקרוב.

ממש פאר ראש השנה איז דער עלטסטער פון דעם קוויטל געווארן א חתן, און במשך איין חודש איז ביי אונז אין די משפחה געווען 'אכט שידוכים', יעדע נאמען וואס איז געווען אויפן קוויטל איז תיכף געהאלפן געווארן.

אין יענע צייט איז געווען איינגעפירט אז מ'האט געמאכט די 'תנאים' ביים רבי'ן אין שטוב. צוליב די פארמערטע שמחות איז אויסגעקומען אז אין יענע וואכן זענען מיר כסדר געווען ביים רבי'ן אויף א תנאים, עס האט געקענט אפילו אויסקומען צוויי מאל א וואך אז מיר זאלן זיין ביים רבי'ן. איינמאל רופט זיך דער רבי אן מיט א שמייכל "עטס זענט דאך נעכטן דא געווען"...

איז דארט געשטאנען איינער פון די מקורבים וואס האט דעמאלטס געשריבן דאס קוויטל, האט ער זיך אנגערופן צום רבי'ן צייגענדיג אויף מיר "דאס איז זיין ארבעט"... (יואל ווייס)

### תתתתנ) עס דערציילט מיין טאטע
## הרה"ח ר' שמחה זימל ליכטמאן הי"ו

מיין פעטער הרה"ח ר' שמחה זימל ליכטמאן הי"ו איז געווען א תלמיד פון די סיגוטער ישיבה עטליכע יאר נאכאנאנד. און ער האט אסאך געזעהן ביים רבי'ן דער ברך משה זי"ע אין יענע יארן, כידוע איז אונזער זיידע הרה"ח ר' זלמן הי"ו אלע יארן געווען פון די נאנטסטע מקורבים.

דער רבי איז געווען זייער געטריי און איבערגעגעבן פאר די בחורים פון די ישיבה, ער האט זיי ממש געהאלטן ווי אייגענע קינדער.

עס איז געווען אמאל ווען מיין פעטער איז נישט אהיימגעגאנגען פון די ישיבה ווען יעדער איז אהיימגעגאנגען, ווען דער רבי האט דאס באמערקט האט ער אים ארויפגערופן צו זיך אין שטוב און ער האט אים געהייסן זיך אוועק זעצן עסן נאכטמאל. ער האט זיך מתחילה געשעמט און נישט געוואלט עסן ביים רבי'ן, אבער דער רבי האט נישט נאכגעלאזט ביז ווען ער האט זיך אראפ געזעצט און דארט געגעסן נאכטמאל. (אהרן יושע ליכטמאן)

### תתתתנא) עס דערציילט מיין טאטע
## הרה"ח ר' יצחק שלמה צבי קאהן הי"ו

עס איז געווען איינמאל נאך פסח ווען איך בין אריין מיט א קוויטל צו רביה"ק **בעל ברך משה** זי"ע, און איך האב אויך געגעבן א קוויטל מיטן נאמען פון מיין טאטן הרה"ג ר' יששכר בעריש קאהן שליט"א ראה"כ סאטמאר-אנטווערפן.

דער רבי האט געליינט מיין קוויטל און מיין טאטנס קוויטל, און ער האט ווארעם אנגעוואונטשן ברכת קדשו. ווען איך האב שוין אנגעהויבן ארויסצוגיין פון צימער, הער איך ווי דער רבי רופט מיך צוריק און ער פרעגט מיך "נאך וועמען הייסט דיין טאטע יששכר בער?", האב איך געענטפערט אז ער טראגט דעם נאמען פון אונזער עלטער זיידן הגה"ק **בעל בינת יששכר מסענדזארץ זצוק"ל**.

עס איז מיר געווען א פלא די שאלה וואס דער רבי האט מיך געפרעגט, ווייל וויפיל מאל איך האב פארן רבי'ן געגעבן א קוויטל מיט דעם נאמען האט דער רבי קיינמאל נישט געפרעגט אזא שאלה, אבער דאן האב איך זיך געכאפט אז עס איז היינט ג' אייר די יארצייט פונעם זיידן הגה"ק **בעל בינת יששכר** זי"ע, האב איך געקלערט אז מעגליך האט דאס דער רבי מרגיש געווען אינעם קוויטל, האט ער געוואלט מעורר זיין זכות אבות מיטן דערמאנען זיין נאמען.

ווען איך האב אמאל איבער דערציילט די מעשה פאר חברים, דערציילט מיר א אינגערמאן אז בדידי הוי עובדא נאך פסח איז ער אריין מיט א קוויטל און ער האט געשריבן זיין נאמען 'חיים', און אויפן וועג ארויס רופט אים דער רבי צוריק און ער פרעגט אים "נאך וועמען הייסטו חיים?", האט ער געענטפערט נאכן הייליגן דברי חיים זי"ע.

דאן האט ער זיך געכאפט אז עס איז היינט כ"ה ניסן די יארצייט פונעם הייליגן **דברי חיים** זי"ע. (יעקב קאהן)

### תתתתנב) עס דערציילט אונזער טאטע
## הרה"ח ר' יעקב יצחק שטיימענטץ הי"ו

עס איז געווען איינער פון אונזער משפחה וואס האט ל"ע געהאט א בראך אלס קליין אינגל, און מ'האט אים אפערירט אויף די רעכטע זייט. א יאר דערויף האט ער ווידער געהאט א בראך אויף די אנדערע זייט, און א יאר דערויף האט ער ווידער געהאט אן אפעראציע אויף א בראך אויף די רעכטע זייט.

פאר יעדע אפעראציע איז מען אריין צום רבי'ן מרן הברך משה זי"ע און דער רבי האט געגעבן ברכת קדשו אז אלעס זאל אריבערגיין בשלום.

ביי די פערצן יאר האט ער נאכאמאל געשפירט יסורים און ער איז ער איז געגאנגען צום דאקטער, און דער דאקטער האט געזאגט אז ער האט ווידער א בראך און מ'וועט ווידער אמאל דארפן אפערירן, איז ער אריבער געגאנגען צום רבי'ן, און זיך מזכיר געווען אז עס נעמט נישט קיין ענדע, און מ'האלט שוין ביי די פערטע אפראציע. האט זיך דער רבי אנגערופן "אזוי?! שוין דאס פערטע מאל, עס קאן נישט זיין?! עס איז נישטא אזא זאך".

מיר זענען געגאנגען צום דאקטער וואס האט געדארפט מאכן די אפעראציע, און דער דאקטער האט געזאגט אז ער זעהט נישט גארנישט, און אלעס איז אין ארדענונג, ווען מ'איז צוריק צום ערשטן דאקטער וואס האט געזאגט אז מ'דארף מאכן אן אפעראציע, האט ער אויך געזעהן אז עס איז אלעס אין ארדענונג, און ער האט געזאגט אז ער זעהט אז ער האט געמאכט א טעות און עס איז נישט קיין בראך.

ב"ה עס איז שוין פון דעמאלטס אריבער אסאך יארן און מער האט ער נישט געליטן קיינמאל אויף קיין בראך מכח ברכתו של אותו צדיק. (משה אליעזר שטיינמעטץ, יחיאל שטיינמעטץ)

### תתתתנג) עס דערציילט מיין טאטע
## הרה"ח ר' יצחק דוב בערל הערשקאוויטש הי"ו

איינמאל איז מיין טאטע אריין מיט א קוויטל צום רבי'ן, און דער רבי ליינט דורך דאס קוויטל און שטעלט זיך אפ ביי איינע פון די נעמען פון די קינדער, און ער פרעגט "וואס גייט פאר מיט איהם?", מיין טאטע זאגט אז ער איז אין קעמפ. דער רבי האט אבער איבער געפרעגט איינמאל און נאכאמאל און מיין טאטע האט כסדר געענטפערט די זעלבע אז ער איז געפארן אויף זומער אין קעמפ.

ווען ער איז אנגעקומען אהיים האט ער באקומען א טעלעפאן קאל אז דאס קינד איז אראפ געפאלן אין קעמפ און צוקלאפט די פיס און מ'דארף אריינפארן אין שפיטאל. האט ער פארשטאנען וואס דער רבי האט געזעהן אינעם קוויטל. (חיים יחזקאל הערשקאוויטש, טובי' שמעי' הערשקאוויטש)

### תתתתנד) עס דערציילט מיין טאטע
## הרה"ח ר' חיים ברוך מרדכי ראזענבערג הי"ו

עטליכע שעה נאך מיין ברית האב איך ל"ע באקומען הויך פיבער און מ'האט מיך אריינגעפירט אין שפיטאל, און דער דאקטער האט געזאגט אז די פיבער קומט פון א לונגען אנטצינדונג. און זיי האבן מיר געגעבן מעדיצינען דורך אינטערווינעס.

זייענדיג אזוי קליין און פיצל איז זייער שוועער געווען צו טרעפן אן אדער וואו אריינצושטעכן די נידל, און נאכדעם וואס זיי האבן שוין ענדליך געטראפן א אדער האב איך עס ארויסגעשלעפט, און זיי האבן זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט מיר. און זיי האבן געזאגט פאר מיין טאטן אז זיי קענען שוין בשום אופן נישט טרעפן קיין פאסיגן אדער, ממילא איז די איינציגסטע עצה צו געבן דעם נידל אין קאפ נעבן דעם מח, וואס פון דארט וועל איך דאס נישט קענען ארויסשלעפן.

מיין טאטע האט נישט געוואלט אליין געבן זיין הסכמה אויף אזא זאך, האט ער אנגערופן דעם רבי'ן מרן הברך משה זי"ע, האט דער רבי זיך אנגערופן "מען זאל קוקן אויף די לינקע האנט, און עס וועט זיין גוט".

מיין טאטע האט געזאגט פאר די דאקטורים דעם רבי'נס ווערטער, האבן זיי נאכאמאל געזוכט און געטראפן א גוטן אדער אויף די לינקע האנט, און לפלא איך האב דאס מער נישט ארויסגעשלעפט ביז ווען מ'האט געגעבן דאס לעצטע מאל די מעדיצין. (ישעי' ראזענבערג)

### תתתתנה) עס דערציילט מיין טאטע
## הרה"ח ר' אהרן שמואל הכהן גלאנץ הי"ו

דעם רבי'נס הייליגע אהבת ישראל איז געווען עד אין לשער, ער איז געווען גרייט זיך אוועק צו געבן פאר יעדן איד בלב ובנפש.

איינמאל בין איך אריינגעגאנגען צום רבי'ן מיט א קוויטל, און איך האב געהאט א ספעציעלן ענין וואס איך האב געוואלט רעדן מיטן רבי'ן, אבער איך

בין געווען שטארק דערשראקן מחמת מורא רבך, און איך האב נישט געקענט געהעריג מסביר זיין מיינע ווערטער.

דער רבי האט מיך געוואלט מחזק זיין און בארוהיגן, זאגט מיר דער רבי "וואס דארפסטו?! אפילו מיין העמד וועל איך דיר אוועק געבן". (אברהם שמעון הכהן גלאנץ)

### תתתתנו) עס דערציילט מיין טאטע
## הרה"ח ר' משה חיים הכהן פריעדמאן הי"ו

איך האב זוכה געווען אסאך משמש זיין און ארויסהעלפן ביים רבי'ן מרן **הברך משה** זי"ע אין שטוב, און צוגעזעהן אסאך פונעם רבי'נס גדלות, צדקות, און תמימות.

עס איז געווען אמאל ווען א איד וואס איז געקומען פון ארץ ישראל און ער האט זיך באזעצט מיט זיין משפחה אין אמעריקע, און ער איז אריינגעפאלן אין פראבלעמען, אזוי אז מען האט איהם ל"ע איינגעזעצט אין תפיסה. עס זענען געווען אינגעלייט עסקנים וואס האבן גע'שתדל'ט פאר דעם איד, און די עסקנים פלעגן קומען צום רבי'ן און איבער געשמועסט וואס מ'קען טון עצות צו העלפן דעם איד.

איינמאל ווען דער רבי איז געווען אין קרית יואל האט ער געדארפט אינמיטן טאג אריינפארן אין שטאט, און איך האב געדרייווט די קאר. ווען די קאר איז ארויסגעפארן ביים סוף פון איהעל קט. האט דער רבי באמערקט ווי צוויי אינגעלייט גייען אריין די גאס אויף איהעל קט. גיט מיר דער רבי א פרעג "ווער זענען די אינגעלייט?", האב איך געזאגט פארן רבי'ן אז זיי קומען געווענליך וועגן דעם איד וואס זיצט אין תפיסה.

זאגט דער רבי "די אידן קומען דאך מסתמא צו מיר, פאר צוריק אהיים", איך האב מיך אויסגעדרייט און צוריק געפארן ביז צום רבי'נס הויז, און דער רבי איז געבליבן ווארטן אין די קאר ביז די אידן זענען אנגעקומען.

ווען די אידן זענען אנגעקומען האבן זיי געזעהן ווי דער רבי זיצט אין די קאר און ווארט אויף זיי, זענען זיי צוגעקומען און געגעבן שלום, און געזאגט אז זיי האבן געברענגט די פאפירן וואס מ'דארף אריינגעבן אין געריכט, און זיי ווילן אז דער רבי זאל בענטשן די פאפירן, און אנוואונטשן אז עס זאל זיין מיט הצלחה".

רופט זיך דער רבי אן "קודם איז דא א צווייטע דאגה, עס איז שוין היינט מיטוואך, איז שוין דא אויף שבת ביי דעם איד אין שטוב?!", דער רבי נעמט ארויס פון טאש אפאר הונדערט דאללער און ער גיט דאס פאר די אידן אז מ'זאל קענען גיין איינקויפן צרכי שבת פאר די משפחה, און הערשט נאכדעם האט דער רבי אנגעוואונטשן הצלחה פארן משפט. (שמעון הכהן פריעדמאן)

### תתתתנז) עס דערציילט מיין טאטע
## הרה"ח ר' זאב וואלף פארקאש הי"ו

איינמאל איז ער אריין מיט א קוויטל צום רבי'ן מרן **הברך משה** זי"ע, מיט די נעמען פון די גאנצע משפחה, דער רבי האט געליינט דאס קוויטל און דאן האט ער געוויזן אויף מיר "וואו שטייט ער?".

מיין טאטע קוקט אריין אין קוויטל און ער האט באמערקט ווי ער האט פארגעסן אריינצושרייבן מיין נאמען, און דער רבי האט דאס באלד מרגיש געווען אז מיין נאמען שטייט נישט אין קוויטל.

ער איז צוריק ארויסגעגאנגען אין קוויטל שטוב און ער האט זיך געלאזט אנשרייבן א צווייטן קוויטל מיט אלע נעמען פון די קינדער, און דאן האט דאס דער רבי געהעריג געליינט. (חנני' יו"ט ליפא פארקאש)

### תתתתנח) עס דערציילט אונזער עלטער עלטער פעטער
## הרה"ח ר' יודא ראזענבערג הי"ו

ווען זיי זענען געווען אין טרעיזיענשטאט איז דער רבי מרן **הברך משה** זי"ע אנגעקומען אהין און ער איז געווען זייער שוואך און קראנק, און ער איז ל"ע קראנק געווארן אויף טיפוס, וואס אסאך מענטשן זענען פון דעם אויסגעשטארבן.

זיין מאמע האט געהאט 96% בראנפן, וואס דאס איז זייער צוניץ געקומען ווען יעדן טאג האט ער געטראגן פארן רבי'ן א גלעזל בראנפן און די שארפע משקה האט דעם רבי'ן געגעבן חיות און האט אים אפגעראטעוועט. (חיים יחזקאל הערשקאוויטש, טובי' שמעי' הערשקאוויטש)

### תתתתנט) עס דערציילט מיין טאטע
## הרה"ח ר' הערשל קאהן הי"ו

עס איז געווען ביי איינעם פון אונזער משפחה וואס איז געבוירן געווארן א קינד, און די דאקטורים האבן געזאגט אז דאס קינד וועט ל"ע זיין נישט-געזונט ר"ל.

דער אינגערמאן איז געווארן זייער צובראכן און ער איז אריינגעלאפן צום רבי'ן **הברך משה** זי"ע מיט א געוויין דערציילענדיג וואס די דאקטורים האבן געזאגט, דער רבי האט אים פרובירט צו בארוהיגן "וואס ביסטו אזוי באזארגט?", האט ער געזאגט פארן רבי'ן "דער רבי האט צוגעזאגט ברבים (א' פר' עקב תשנ"ד לפ"ק) אז ווער עס וועט העלפן דעם קיום פונעם מוסד שערי חמלה, וועט קיינמאל נישט דארפן צוקומען דערצו, און מיין ב"ב תחי' האט דעמאלטס געהאלפן פארן מוסד, און מיר ווארטן אויפן רבי'נס הבטחה".

דער רבי האט ווידער אריינגעקוקט אין קוויטל מיט גרויס דביקות, און דאן האט ער געזאגט "וועסטו זעהן אז דאס קינד וועט זיין א געזונט קינד".

ווען ער איז צוריק געקומען צום דאקטער און זיי האבן אונטערגעזוכט דאס קינד האבן זיי נישט געטראפן קיין זכר פון די מחלה, און זיי האבן נישט געגלייבט וואס זיי זעהן אז אזא מחלה זאל פארשוואונדן ווערן וואס דאס איז שלא כדרך הטבע, האט ער דערציילט פארן גוי'אישן דאקטער די מעשה מיטן רבי'ן וואס האט מבטיח געווען אז דאס קינד וועט זיין געזונט.

דער דאקטער איז אזוי נתפעל געווארן האט ער זיך אויסגעדרוקט אויף ענגליש "דיין רבי איז נעקסט צו ג-ט"... (יעקב קאהן)

### תתתתס) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' יצחק טייטלבוים הי"ו

ער איז געווען א גרויסער חסיד פונעם רבי'ן דער **ברך משה** זי"ע, און איז געווען זייער דבוק אין איהם. ער פלעגט כסדר אריינפארן צום רבי'ן אויף יעדן שיינעם שבת און ימים טובים, און דער רבי האט איהם זייער מחשיב געווען און מקרב געווען.

איינמאל שבת שקלים ווען ער איז געווען ביים רבי'נס טיש, און מען האט געהאלטן ביי די פלייש, האט דער רבי צוגערופן א איד וואס האט שוין געהאלטן 17 יאר נאך די חתונה, און ער האט נאך נישט געהאט קיין בן זכר, און דער רבי האט אים געגעבן א 'ביין' (מלשון בן).

עס איז נישט אריבער געגאנגען א יאר, און ער איז געהאלפן מיט א אינגל.

(משה נתן נטע פערל, יודא לייביש פרענקל)

**זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**

